ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת תְּרוּמָה

תשפ"ד

335

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

גֶעעֶנְדִיגְט תְּהִלִּים בַּיים צִיּוּן מוֹהֲרָא״ש, פַארְוָואס אִיז דִי יְשׁוּעָה נָאכְנִישְׁט דָא?...א

וִוי לַאנְג נָאךְ גֵיי אִיךְ לַיידְן פוּן שְׁרֶעקְלִיכֶע קָאפּ שְׁמֶערְצְן?...........................ג

וִוי אַזוֹי פַארְדֶערְבְּט מֶען דָאס נִישְׁט פַארְבְּרֶענֶען חַלָּה טֵייג?...........................ד

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אַרוֹיסְזֶען פוּן שְׁלֶעכְטְס?......................................ו

וֶועלְכֶע הֶכְשֵׁרִים מֶעג מֶען עֶסְן?................................................ז

וִוי אַזוֹי גֵיי אִיךְ צוּ אַ שִׁידוּךְ אָן פְּחָדִים?.............................................ט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אוֹיבּ מֶען גַנְבְ׳עֶט, הָאט מֶען נִישְׁט קַיין רוּ.............................................א

שְׁמֵייכְלְט אוּן שְׁמֵייכְלְט, זִיךְ אָפְּרוּעֶן אוּן וַוייטֶער שְׁמֵייכְלֶען..........................ג

יֶעצְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה זָאלְסְטוּ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט פַאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה......................ג

אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת, קֶען קוּמֶען בִּיטֶערֶע מַחְלוֹת.......................ד

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן מִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה אוֹיף שַׁבָּת.........................ה

גֶעבּ פַאר יֶעדְן בָּחוּר גוּטֶע וֶוערְטֶער.............................................ה

זַיי אַ הֶעלְד, בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער מִיט דַיין וַוייבּ.......................................ו

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַארְן לֶערְנֶען מִיט מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער..................ז

בֵּיידֶע, סַיי דִי חֲתוּנָה אוּן סַיי דִי בְּרִית, הָאבְּן גֶעקָאסְט דִי זֶעלְבֶּע..........................ז

וֶוער לֶעבְּט דִי רוּאִיגֶע לֶעבְּן מִיט מְנוּחָה וְשַׁלְוָה?........................ ח
פוּן תַּעֲנִיתִים הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם נִישְׁט אַזוֹי מוֹרָא, וִוי פוּן שִׂמְחָה.............. ט
עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אַז יוּנְגֶע קָאפְּלֶעךְ זָאלְן זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען .................. י
מֶען דַארְף צוּקוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוֹיף חִינוּךְ .................... יא
עֶס פַּאסְט נִישְׁט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיף וֶועבְּט .................. יב
ווָאוּ אִיז דִי הַבְטָחָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה?.................................. יג
נֶעם זִיךְ פָאר צוּ שְׁנַיידְן דִי נֶעגְל יֶעדֶע וָואךְ לְכָבוֹד שַׁבָּת................ טו
לֵייג אַלֶע עֲבוֹדוֹת אִין דֶער זַייט אוּן נֶעם זִיךְ צוּ הֲפָצָה .................. טו
הֲפָצָה אִיז אוֹיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן דִי נָאנְטֶע ............................. טז
אַז מִיךְ פָּאלְגְסְטוּ נִישְׁט, זָאג נִישְׁט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז דַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ .......... יז
אַ גַבַּאי דַארְף אַרַיינְבְּלָאזְן חַיוּת אִין אַלֶע מִתְפַּלְלִים................ יז
עֶס אִיז מִיר גָאר וִויכְטִיג אַ צֵייטוּנְג מִיטְן רֶבִּינְ'ס הַקְדָמוֹת................ יח
אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דֶעם וָואס פָּאלְגְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת................ יט
מֶען וִויל זֶען וִוי דוּ דֶערְהַאלְסְט זִיךְ........................................ יט
מֶען פַאלְט אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ ............................................. כ
זַייט קְלוּג, דֶערְצֵיילְט נִישְׁט פְּרִיוַואטֶע זַאכְן .............................. כא
אַז מֶען וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶעט מֶען נִיסִים .................. כא
פְּלוּצְלוּנְג קוּמְט אַ נִסָיוֹן, מֶען וֶוערְט אוּמְזִיכֶער מִיטְן זַיין בַּיים רֶבִּי'ן.............. כג
אִיךְ פָאר אַוֶועק שַׁאפְן גֶעלְט פַאר דִי מְלַמְדִים .............................. כד

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## גֶעעֶנְדִיגְט תְּהִלִּים בַּיים צִיּוּן מוֹהֲרָא"שׁ, פַּארְוָואס אִיז דִי יְשׁוּעָה נָאכְנִישְׁט דָא?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַ שְׁוֶוערֶע שְׁאֵלָה וָואס שְׁטֶערְט מִיךְ זֵייעֶר. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פַאר עֶטְלִיכֶע וָואכְן צוּרִיק אוֹיף אַ שַׁבָּת אִין יַבְנְאֵל מִיט אַפָּאר בְּחוּרִים, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן דִי בְּחוּרִים זֵיי זָאלְן מְסַיֵּים זַיין גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז נָאךְ אַסַאךְ בֶּעטְן הָאבְּן אַלֶע מְסַיֵּים גֶעוֶוען, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז זַייט דֶעמָאלְט קוּמֶען זֵיי מִיר כְּסֵדֶר פָארְהַאלְטְן, אַז זֵיי הָאבְּן מְסַיֵּים גֶעוֶוען תְּהִלִּים, אוּן קֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז נָאכְנִישְׁט אַ חָתָן גֶעוָוארְן, וִוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין? אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר, עֶס אִיז מִיר נִישְׁט אַנְגֶענֶעם; אִיךְ פְּרוּבִּיר זֵיי צוּ זָאגְן אַז דֶער צַדִּיק אִיז מְזָרֵז דֶעם שִׁידוּךְ, אָבֶּער עֶס הֶעלְפְט גָארְנִישְׁט.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר זָאגְן וָואס אִיךְ קֶען זֵיי עֶנְטְפֶערְן? בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט מֶער פוּן דְרַייסִיג מָאל תְּהִלִּים בַּיי מוֹהֲרָא"שְׁ'ס צִיּוּן, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם גְלֵייבּ אִיךְ וַוייטֶער, אִיךְ ווֵייס אַז מוֹהֲרָא"שׁ טוּט דָאס בֶּעסְטֶע פַאר מִיר, וָואס קֶען אִיךְ אָבֶּער זָאגְן פַאר זֵיי וָואס זֶענֶען נָאכְנִישְׁט מְקוֹרָב?

אִיךְ ווֶעל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבָבִי"ם, כ' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי רֶעדְט פוּן דִי שְׁווֶערֶע שְׁאֵלָה, אוּן עֶנְטְפֶערְט דִי שְׁווֶערֶע שְׁאֵלָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן נב): "מַה שֶּׁקָּשֶׁה קֻשְׁיוֹת עַל הַצַּדִּיקִים", דָאס וָואס עֶס אִיז דָא קַשְׁיוֹת אוֹיף צַדִיקִים, "זֶהוּ מֻכְרָח לִהְיוֹת", אַזוֹי מוּז זַיין, "כִּי הַצַּדִּיקִים מִתְדַּמִּים לְיוֹצְרָם כַּמּוּבָא", וַוייל דִי צַדִיקִים זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּכְמוֹ שֶׁקָּשֶׁה קֻשְׁיוֹת עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אוּן אַזוֹי וִוי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, 'פַארְוָואס גֵייט מִיר נִישְׁט? פַארְוָואס מוּטְשֶׁע אִיךְ זִיךְ?' "כְּמוֹ כֵן בְּהֶכְרֵחַ שֶׁיִּהְיֶה קָשֶׁה קֻשְׁיוֹת עַל הַצַּדִּיק, כִּי הוּא מִתְדַּמֶּה אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָא קַשְׁיוֹת אוֹיפְן צַדִיק, וָואס אִיז גְלַייךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַלֶע דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם מִיט דִי סָארְט קַשְׁיוֹת, 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ?' 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה?' 'אִיךְ דַאוֶוען, אִיךְ לֶערְן, אִיךְ טוּ מִצְוֹת - אוּן עֶס פֶעלְט מִיר, אוּן עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט וִוי אִיךְ ווִיל', אַלֶע הָאבְּן קַשְׁיוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) דָאס וָואס עֶס אִיז דָא קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַזוֹי דַארְף צוּ זַיין, "וְכָךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ", אוּן דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אוֹיבּ מִיר וָואלְטְן אַלֶעס פַארְשְׁטַאנֶען וָואלְט דָאךְ גֶעוֶוען זַיין שֵׂכֶל אַזוֹי וִוי אוּנְזֶער שֵׂכֶל - חַס וְשָׁלוֹם; קוּמְט אוֹיס אַז דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן אִים נִישְׁט. אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, יֶעדֶע קַשְׁיָא אִיז אַ קְלִיפָּה, "לָמָּה? יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם" - אַ גוֹי פְרֶעגְט פַארְוָואס, אַ אִיד פְרֶעגְט נִישְׁט פַארְוָואס, אַ אִיד גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִיקִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וִוי אַזוֹי? אָט אַזוֹי, אַזוֹי וִוי עֶס גֵייט, אַזוֹי אִיז גוּט - 'אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לוֹ', ווָאוֹיל אִיז פַאר אַ אִיד וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, נָאר עֶר חַזֶר'ט שְׁטֶענְדִיג: 'שֶׁכָּכָה לוֹ'".

אַז מוֹהֲרָא"ש הָאט צוּגֶעזָאגְט, וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען קַיין יַבְנְאֵל צוּ זַיין צִיּוּן אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים - וֶועט עֶר אִים אַ טוֹבָה טוּן מִיט אַ שִׁידוּךְ - אִיז עֶס

אַזוֹי, און מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן אַ צַדִיק. מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט (צַוָואַת מוֹהֲרָא"ש, אות ה): "מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער און תַּלְמִידִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין עֵדוּת אַז יֶעדֶע וָוארְט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן פַאר מַיין מַצֵבָה אִיז אֱמֶת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווֵייסְט און קֶען מַיין צֶעבְּרָאכְן הַארְץ וֶועלְכֶע אִיז צֶעבְּרָאכְן אוֹיף טוֹיזְנְטֶער שְׁטִיקְלֶעךְ כְּחֶרֶס הַנִשְׁבָּר. און אִיךְ הָאף אַז מִיט דֶעם וָואס מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר און מֶען וֶועט דָארְט דַאוֶונֶען און לֶערְנֶען און רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַ תִּיקוּן פַאר מַיין נֶפֶש רוּחַ און נְשָׁמָה.

אַזוֹי ווִי בַּיי מַיין לֶעבְּן זֶענֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן דוּרְךְ מִיר, אַזוֹי וֶועט זַיין אוֹיךְ נָאךְ מַיין הִסְתַּלְקוּת. וָוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר, וֶועט מֶען נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן.

אוֹיךְ וֶועט מֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קֶענֶען פּוֹעֶל'ן בַּיי מַיין קֶבֶר אַלֶע עֶרְלֵיי יְשׁוּעוֹת. וָוען מֶען וֶועט קוּמֶען מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי מַיין קֶבֶר, וֶועל אִיךְ זַיין אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר און אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל זֶען צוּ בְּרֶענְגֶען דִי יְשׁוּעָה פַאר דֶעם וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף מַיין קֶבֶר.

און סְפֶּעצִיעֶל אַ בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ, אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר און דָארְט אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִים אָן קַיין הֶפְסֵק, זָאג אִיךְ זֵיי צוּ אַז זֵיי וֶועלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר רִיכְטִיגֶע בַּאשֶׁערְטֶע שִׁידוּךְ, און אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם".

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס גְלֵייבְּט אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי צַדִיקִים און וַוארְט אוֹיס אוֹיף זַיין יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווִי לַאנְג נָאךְ גֵיי אִיךְ לַיידְן פוּן שְׁרֶעקְלִיכֶע קָאפּ שְׁמֶערְצְן?**

**שְׁאֵלָה**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

ווי לַאנְג נָאךְ גֵיי אִיךְ לַיידְן פוּן שְׁרֶעקְלִיכֶע קָאפּ שְׁמֶערְצְן, ווי לַאנְג נָאךְ וֶועל אִיךְ הָאבְּן די מֵייגְרֶעין הֶעדֶעיקְס? אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, שׁוֹבְבִי"ם, כ"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

**אַז אִיר וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ - וֶועט אַוֶועק גֵיין די מֵייגְרֶעין הֶעדֶעיקְס; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד)**: "כָּל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע מַחְלוֹת אוּן אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען - וַוייל מֶען אִיז דִיפְּרֶעסְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, "גַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ, שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהֶחֳלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה", אֲפִילוּ די דָאקְטוֹירִים זָאגְן אַז אַלֶע מַחְלוֹת קוּמֶען פוּן דִיפְּרֶעסְיֶע, וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.**

**אוֹיךְ זָאלְט אִיר גֶעבְּן בּוֹדֵק זַיין די מְזוּזוֹת פוּן שְׁטוּב, אוּן אוֹיךְ זָאלְט אִיר זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן** (עֵירוּבִין נד.)**: "חָשׁ בְּרֹאשׁוֹ", אַז מֶען הָאט קָאפּ וֵויי - "יַעֲסֹק בַּתּוֹרָה", זָאל מֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה; בַּיי פְרוֹיעֶן אִיז דָאס זָאגְן תְּהִלִּים.**

**אַז אִיר וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיר וֶועט זוּכְן גוּטְס אִין זִיךְ אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף די חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ - וֶועט אִיר מֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין קָאפּ וֵויי.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

**ווי אַזוֹי פַארְעכְט מֶען דָאס נִישְׁט פַארְבְּרֶענֶען חַלָּה טֵייג?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר מוּזְן זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען אוֹיף די חִיזּוּק אוּן הַדְרָכָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, וֶוען נִישְׁט די שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו וָואלְטְן מִיר שׁוֹין לַאנְג גֶעוֶוען אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין חוֹבוֹת,

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר שְׁטֶעלְן זִיךְ צוּרִיק אוֹיף דִי פִּיס, מִיר זֶענֶען מוֹרָא'דִיג דַאנְקְבַּאר פַּארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף אַלֶעס, יִישַׁר כֹּחַ פַאר אוּנְז גֶעבְּן אַ גַּן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ זֶעקֶל טֵייג פוּן חַלָּה נֶעמֶען וָואס אִיז גֶעוָוארְן פַארְשִׁימְלְט אוּן גֶעבְּרֶענְגְט אַסַאךְ פְלִיגְן, הָאבְּן מִיר עֶס אַרוֹיסְגֶעלֵייגְט אִינְדְרוֹיסְן. אִיךְ הָאבּ כְּסֵדֶר דֶערְמַאנְט מַיין מַאן עֶס צוּ פַארְבְּרֶענֶען אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין צַייט, בִּיז אֵיין טָאג הָאבְּן מִיר גֶעזֶען אַז עֶס אִיז מֶער נִישְׁטָא.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז מֶען קֶען בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע שְׁטְרָאף אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי חַלָּה טֵייג עֶס צוּ פַארְבְּרֶענֶען וִוי מֶען דַארְף; וָואס קֶענֶען מִיר טוּן דָאס צוּ פַארְרֶעכְטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבְבִי"ם, כ"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד
לִפְרָט קָטָן
**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ בַּאקְן חַלּוֹת לִכְבוֹד שַׁבָּת. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, פְרוֹיעֶן דַארְפְן וִויסְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן פּוֹעֶלְ'ן יְשׁוּעוֹת בַּיים מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן אָפְּשֵׁיידְן חַלָּה, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ מִיט אֱמוּנָה. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה חֵלֶק ב, סִימָן יד): "אִשָּׁה הַזְּהִירָה בְּחַלָּה, בָּנֶיהָ בַּעֲלֵי אֱמוּנָה", אַ פְרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג צוּ טוּן דִי מִצְוָה פוּן אָפְּשֵׁיידְן חַלָּה - וֶועלְן אִירֶע קִינְדֶער הָאבְּן אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה טו, ו): "אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן, לָמָּה נִסְמְכָה פָּרָשַׁת חַלָּה לְפָרָשַׁת עֲבוֹדָה זָרָה", פַארְוָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה גֶעשְׁרִיבְּן דִי מִצְוָה פוּן חַלָּה נֶעבְּן דִי פַּרְשָׁה פוּן עֲבוֹדָה זָרָה? "לוֹמַר לָךְ", אוּנְז צוּ לֶערְנֶען, "שֶׁכָּל הַמְקַיֵּים מִצְוַת חַלָּה כְּאִלּוּ בִּטֵּל עֲבוֹדָה זָרָה", אַז וֶוער עֶס אִיז מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן חַלָּה - וֶוערְט גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי עֶר נֶעמְט אַוֶועק עֲבוֹדָה זָרָה פוּן דִי וֶועלְט.

מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט בְּשֵׁם רֶבִּי נָתָן, בַּאקְן חַלּוֹת אִין שְׁטוּבּ בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ

לִיבְּשַׁאפְט אִין שְׁטוּב, און אֵיינְמָאל עֶס אִיז דָא אַ לִיבְּשַׁאפְט אִין שְׁטוּב - אִיז שׁוֹין אַלֶעס דָא; בַּיים אָפְּשֵׁיידְן חַלָּה קֶען מֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְבֶּעטְן אוֹיף שְׁלוֹם בַּיִת, אוֹיף אֱמֶתְ׳עֶ לִיבְּשַׁאפְט און אוֹיף עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת; קוּקְט נָאךְ אִין סֵפֶר לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת (חַלָּה הֲלָכָה ב׳, אוֹת ב׳) ווִי עֶר זָאגְט אַז אָפְּשֵׁיידְן חַלָּה אִיז סוֹד אַהֲבָה דִקְדֻשָּׁה, עַיֵּין שָׁם.

פְּרוּוּעֶן דַארְפְן אוֹיסְנוּצְן דִי פָּאר מִינוּט בַּיים אָפְּשֵׁיידְן חַלָּה; גְלַייךְ נָאכְן מַאכְן דִי בְּרָכָה, ווֶען מֶען הַאלְט דִי שְׁטִיקְל טֵייג אִין הַאנְט, נָאכְן זָאגְן: "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, ה׳ אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ, שֶׁיִּבָּנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, וְתֵן חֶלְקֵנוּ בְּתוֹרָתֶךָ, וְשָׁם נַעֲבָדְךָ בְּיִרְאָה כִּימֵי עוֹלָם וּכְשָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת" - זָאל זִי בֶּעטְן אוֹיף אַלֶעס ווָאס לִיגְט אוֹיפְן הַארְץ; אוֹיב הָאט זִי נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, אָדֶער עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שְׁלוֹם בַּיִת, אָדֶער עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פַּרְנָסָה אָדֶער גֶעזוּנְט - זָאל זִי בֶּעטְן בַּיי דִי טֵייג, און זִי ווֶעט זִיכֶער גֶעהָאלְפְן ווֶערְן, בִּזְכוּת דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן אָפְּשֵׁיידְן חַלָּה ווָאס אִיז זֵייעֶר טֵייעֶר און חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס ווָאס הָאט פַּאסִירְט - אִיז גֶעווֶען אַן אוֹנֵס, און אוֹנֵס רַחֲמָנָא פַּטְרֵיהּ; פַאר אַ תְּשׁוּבָה זָאלְט אִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין מֶער אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְן וואוּ מֶען לֵייגְט דִי שְׁטִיקְל טֵייג, דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז, נָאכְן אָפְּשֵׁיידְן חַלָּה זָאל מֶען לֵייגְן דִי שְׁטִיקְל טֵייג אִין אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע זֶעקְל און לֵייגְן אִין פְרִיזֶער, עֶס זָאל נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קַיין פְּלִיגְן, און ווֶען עֶס זַאמְלְט זִיךְ אָן אַפָּאר שְׁטִיקְלֶעךְ - זָאל מֶען דָאס גְלַייךְ פַארְבְּרֶענֶען; מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן נִישְׁט מְזַלְזֵל זַיין אִין דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אַרוֹיסְזֶען פוּן שְׁלֶעכְטְס?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הַאלְט שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס צוּ לִיגְן אִין שְׁמוּץ אַ גַאנְצְן טָאג, אוֹי אוֹי אוֹי, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אַרוֹיסְזֶען פוּן דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבְבִי״ם, כ״ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**״מֶען שְׁרֵייט און מֶען שְׁרֵייט און מֶען שְׁרֵייט, הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע״**, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קכט): ״כְּשֶׁנּוֹפְלִין לִפְעָמִים לְתוֹךְ רֶפֶשׁ וָטִיט, שֶׁקָּשֶׁה לוֹ מְאֹד לָצֵאת מִשָּׁם״, אַז מֶען פַאלְט אַרַיין אִין אַ בְּלָאטֶע וָואס עֶס אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּגֵיין דֶערְפוּן, ״צוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין!״ וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן (רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דֶעם לָשׁוֹן אִין אִידִישׁ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט): ״און אֲפִלּוּ אַז מֶען פַאלְט אִין אַ בְּלָאטֶע אַרַיין, שְׁרַייט מֶען, און מֶע שְׁרַייט, און מֶע שְׁרַייט״; דָאס אִיז דִי עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן עֲבֵירוֹת, מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל: **״הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת״.**

צוּזַאמֶען מִיט דִי עֵצָה פוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְשְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דַארְף מֶען אִין דִי אַנְדֶערֶע צַייט זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טוּן, און מִיט דֶעם אַז מִיר זֶענֶען אִידְן; שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט דִי קְלִיפּוֹת, שִׂמְחָה בְּרֶענְגְט צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, טוּ אַלֶעס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וֶועלְכֶע הֶכְשֵׁרִים מֶעג מֶען עֶסְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן צוּ אַן אַנְדֶערֶע גֶעגְנְט, און דָא אִיז שְׁוֶוערֶער צוּ טְרֶעפְן עֶסְנְווארְג מִיט דִי בֶּעסְטֶע אָנְגֶענוּמֶענֶע הֶכְשֵׁרִים אַזוֹי וִוי מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען צוּגֶעוואוֹינְט אִין אוּנְזֶער פְרִיעֶרְדִיגֶע פְּלַאץ, הָאבְּן מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶסְן נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע

הֶכְשֵׁרִים וָואס חֲבֵרִים פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר מַיין מַאן אַז יֶענֶע הֶכְשֵׁרִים זֶענֶען גוּט אוּן אַז מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעהַאלְטְן פוּן דִי הֶכְשֵׁרִים, הָאבּ אִיךְ אָבֶּער גֶעוָואלְט פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִיבֶּער דֶעם.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן נָאךְ אַ זַאךְ, אִיךְ גֵיי צוּ דִי צוּזַאמְקוּמֶען פוּן פְרוֹיעֶן פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בַּיי אוּנְז אִין שְׁטָאט, אוּן דִי פְרוֹיעֶן הָאבְּן גֶערֶעדְט וֶועגְן זִיךְ אָפְּרוּעֶן פוּן נָאךְ קִינְדֶער, אוּן אִיךְ דַארְף זִיךְ כְּסֵדֶר פַארֶענְטְפֶערְן פַאר זֵיי, אוּן דָאס נֶעמְט מִיר אַוֶועק דִי אַפֶּעטִיט פוּן אַהִינְגֵיין נָאכְאַמָאל. אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַסַאךְ גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶערְלֶעךְ בְּעֶזְרַת ה', אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער, אוּן אִיךְ בֶּעט נִישְׁט קַיין הִילְף פוּן זֵיי. אָבֶּער אִיךְ וֶוער זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן צִי אִיךְ בִּין גֶערֶעכְט צִי נִישְׁט, יֶעדֶעס מָאל אִיךְ בִּין אַבִּיסְל אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט טְרַאכְט אִיךְ שׁוֹין נָאכְאַמָאל צִי אִיךְ הָאבּ כֹּחַ פַאר קִינְדֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבָבִי״ם, כ״ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז מֶען קוּמְט קַיין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ - טָאר מֶען נִישְׁט מְזַלְזֵל זַיין אִין דִי גוּטֶע וֶועג ווִי מֶען הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּיז אַהֶער, הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דִי גוּטֶע מִנְהָגִים, הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז - אוֹיסְלֶערְנֶען דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן; הִתְבּוֹדְדוּת, שִׂמְחָה, זִיךְ מְחַיֶּ׳ זַיין מִיט גוּטֶע נְקוּדוֹת, אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת; נִישְׁט אוֹיף מְזַלְזֵל זַיין אוֹיף מִנְהָגִים וָואס מֶען הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּיז אַהֶער.

לָאזְט נִישְׁט נָאךְ אוֹיף הֶכְשֵׁרִים, בִּפְרַט פְלֵייש דַארְף מֶען נָאכְמֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ עֶסְן נָאר פוּן אַ גָאר עֶרְלִיכֶע הֶכְשֵׁר. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן לז) אַז צוּלִיבּ נִישְׁט עֶרְלִיכֶע שׁוֹחֲטִים - מוּטְשֶׁעט מֶען זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה; גֵייט מִיט דִי וֶועג פוּן אַמָאל, אוּן נֶעמְט הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוֹיף חִיזּוּק צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי תּוֹרָה מִיט שִׂמְחָה.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; אַז מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם - דִי פְרוֹיעֶן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - אֵיין מָאל אַ וָואךְ אָדֶער אֵיין מָאל אַ חוֹדֶשׁ - אִיז דָאס זִיךְ צוּ מְחַזֵּק זַיין אִין דִי עִנְיָן פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן חִיזּוּק אִין זַיין אַ גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ אוּן אַ

רוּאִיגֶע מַאמֶע; אוּן אַז דֶער זָאגְט דֵעוֹת וֶועגְן הָאבְּן קִינְדֶער וְכוּ׳ אוּן יֶענֶער זָאגְט דֵעוֹת וְכוּ׳ - דָאס אִיז נִישְׁט קַיין זַאךְ וָואס מֶען מֶעג רֶעדְן, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין זַאךְ וָואס חַבֶרְ׳טֶעס מַאכְן אָפּ, דָאס הָאט מִיט גְרוֹיסֶע עֶרְלִיכֶע רַבָּנִים, דָאס אִיז נִישְׁט זַאכְן וָואס מֶען רֶעדְט בַּיי פְּרוֹיעֶן שְׁמוּעֶסְן.

גֵייט מִיט אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר צוּ עֶנְקֶער דַיָּין, עֶנְקֶער מוֹרֶה דֶרֶךְ, אוּן עֶר וֶועט אַייךְ מַדְרִיךְ זַיין מִיט דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה. וַוייל עֶס אִיז דָא צַייטְן וָואס מֶען דארף בוֹיעֶן דִי וֶועלְט, אוּן עֶס אִיז דָא צַייטְן וָואס מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּרוּעֶן, אוּן בַּיי דִי פְּרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם זָאלְט אִיר גֵיין זִיךְ מְחַזֵק זַיין אוּן שֶׁעפְּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת; מֶען קֶען שְׁמוּעֶסְן פוּן שְׁטוּב זַאכְן, פוּן קְלֵיידֶער, פוּן קָאכְן אוּן בַּאקְן, פוּן עֵצָה׳לֶעךְ וִוי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט דִי קִינְדֶער, אָבֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ מַאכְן אַ מִשְׁפָּחָה פְּלַאן ווִיפִיל קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וִוי אַזוֹי גֵיי אִיךְ צוּ אַ שִׁידוּךְ אָן פְּחָדִים?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס אִיז נִישְׁטָא דִי וֶוערְטֶער אוֹיסְצוּדְרִיקְן מַיין דַאנְק אוֹיף דִי עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, ווִיפִיל סַבְלָנוּת דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעמְ׳ס שְׁאֵלוֹת.

אִיךְ וִויל שׁוֹין אַ כַּלָה וֶוערְן, מֶען טְרָאגְט יֶעצְט אָן אַ שִׁידוּךְ, אָבֶער אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט מוֹרָא צוּצוּגֵיין דֶערְצוּ, אִיךְ בִּין פוּל מִיט פְּחָדִים וָואס וֶועט זַיין נָאכְדֶעם, אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן צֶעמִישְׁט וֶועגְן דֶעם. וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ עֶר אִיז טַאקֶע אַ גוּטֶער בָּחוּר? מַיין שְׁוֶועסְטֶער הָאט זִיךְ גֶע׳גֶט, אוּן דָאס מַאכְט מִיךְ טְרַאכְטְן אוֹיף נִישְׁט אַ גוּטֶע וֶועג, וֶוער וֵוייסְט צִי אִיךְ וֶועל יָא מַצְלִיחַ זַיין? וֶוער וֵוייסְט צִי אִיךְ וֶועל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן גֶטְ׳ן שְׁפֶּעטֶער?

אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט מוֹרָא צוּ אוֹיסְהֶערְן אַ שִׁידוּךְ, כָאטְשׁ וָואס מֶען זָאגְט מִיר צוּ אַז עֶס אַ גוּטֶע זַאךְ, עֶס אִיז נִישְׁטָא פוּן וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן, בְּלַייבּ אִיךְ אָבֶער מִיט פְּחָדִים, אוּן צוּלִיבּ דֶעם זָאג אִיךְ אָפּ אַזוֹיפִיל גוּטֶע פָארְשְׁלַאגְן פַאר שִׁידוּכִים.

אִיךְ דַאוֶועְן אוּן אִיךְ וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר אַסַאךְ, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ מֶער צוּ וֵויינֶען, אִיךְ וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נָאר גוּטְס. אִיךְ בֶּעט אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה אוּן הַדְרָכָה אִין דֶעם, עֶס אִיז פָּשׁוּט אַ שְׁאֵלָה פוּן פִּקּוּחַ נֶפֶשׁ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבָבִי"ם, כ"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז מֶען רֶעדְט אַייךְ אַ שִׁידוּךְ - זָאלְט אִיר חַס וְשָׁלוֹם דָאס נִישְׁט אָפְּזָאגְן, גֵייט מִיט שִׂמְחָה צוּם שִׁידוּךְ אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אִיר וֶועט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ מִיט לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ נִישְׁט אוּן דֶערְשְׁרֶעקְט אַייךְ נִישְׁט מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְדְרֵייט אַייךְ, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אִיז פוּן דִי קְלִיפּוֹת, פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר (תִּיקּוּנִים תִּיקּוּן כא, בְּסוֹפוֹ) רוּפְט אָן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת 'חֵיוֹת טְמֵאוֹת, חֵיוֹת טוֹרְפוֹת', פַארְצִיקְנְדֶע חֵיוֹת וָואס פַארְצִיקְן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיטְן דֶערְשְׁרֶעקְן מִיט זַאכְן וָואס אִיז דִמְיוֹנוֹת.

וִוי שְׁרֶעקֶעדִיג קֶען חֲתוּנָה הָאבְּן זַיין אַז דִי תּוֹרָה גֶעבְּט דָאס פַאר דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה?! אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מֶען זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן - קֶען עֶס נִישְׁט זַיין שְׁרֶעקֶעדִיג; דִי תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב, יח): "לֹא טוֹב הֱיוֹת הָאָדָם לְבַדּוֹ", עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוֹיךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (יְבָמוֹת קיח:): "טַב לְמֵיתַב טַן דּוּ, מִלְּמֵיתַב אַרְמְלוּ", עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט וִוי זַיין אַלֵיין.

גֶעעֶנְדִיגְט מִיט וֵויינֶען, וֶוער דַארְף יֶעצְט וֵויינֶען? גֵייט צוּם שִׁידוּךְ מִיט שִׂמְחָה, גֵייט צוּם שִׁידוּךְ מִיט תְּפִלָּה, אוּן מִיט תּוֹדָה וְהוֹדָאָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אוֹיבּ מֶען גַנְבְ׳עֶט, הָאט מֶען נִישְׁט קַיין רוּ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבָבִי"ם, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מְחַזֵק זַיין טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מִידֵי שָׁבוּעַ בְּשָׁבוּעַ, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס דִי בְּרִיוו טוּט מִיט מֶענְטְשְׁן, עֶס מוּטִיגְט זֵיי אוּן גֶעבְּט זֵיי אַ וֶועג וִוי צוּ אוּמְגֵיין אִין יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן.

אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט זִיךְ יֶעצְט אַרַיינְלֵייגְן אַרוֹיס צוּ גֶעבְּן פַאר קִינְדֶער וָואס מֶער סְפָרִים, סֵיי מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ אוּן סֵיי גֶעִימְס פוּן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, וַוייל וָואס מֶער מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה אוּן קְדוּשָׁה - אַלְץ גְרִינְגֶער אִיז דִי אַרְבֶּעט שְׁפֶּעטֶער, מֶען מוּז אַלֶעס טוּן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אֱמוּנָה אוּן קְדוּשָׁה.

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה:

"אוֹי וֵויי! וָואס טוּ אִיךְ? דֶער הוּנְט אִיז נָאכְאַמָאל אַרַיינְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אִין גֶעשֶׁעפְט, אוֹי וֵויי, עֶר טַאנְצְט אוֹיפְן טִישׁ! עֶר שְׁפְּרִינְגְט צוּם וָואגְשָׁאל! עֶר דְרֵייט אִיבֶּער דֶעם גֶעשֶׁעפְט, רַ-א-טֶ-ע-וֶ-ע-ט! וֶוער קֶען מִיר הֶעלְפְן?!"

דָאס הָאט פַּאסִירְט מִיט לַאנְגֶע יָארְן צוּרִיק וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן גֶעגַאנְגֶען הֲפָצָה פוּן טִיר צוּ טִיר פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין גֶעשֶׁעפְטְן, אַמָאל הָאט

פַּאסִירְט, מוֹהֲרָא"ש זֶעט וִוי אַ הוּנְט שְׁפְּרִינְגְט אִין אַ גֶעשֶׁעפְט, דֶער הוּנְט שְׁפְּרִינְגְט אוֹיפְן וָואגְשָׁאל, אוּן דֶער בַּעַל הַבַּיִת שְׁטֵייט פוּן דֶער זַייט אוּן וֵויינְט, עֶר פְרֶעגְט מוֹהֲרָא"ש: "וָואס מֵיינְט דָאס? וָואס קֶען דָאס זַיין?"

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אִים: "דֶערְצֵייל מִיר, פוּן וֶוען הָאסְטוּ דֶעם גֶעשֶׁעפְט?"

דֶער אִיד דֶערְצֵיילְט: "דֶער גֶעשֶׁעפְט אִיז גֶעוֶוען מַיין טַאטֶע'ס גֶעשֶׁעפְט, נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק אִיז עֶר גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן אִיךְ הָאבּ אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דֶעם גֶעשֶׁעפְט, אוּן יֶעדֶע פָּאר טֶעג קוּמְט דֶער הוּנְט".

מוֹהֲרָא"ש גֶעבְּט דֶעם אִיד צוּ פַארְשְׁטֵיין: "אֶפְשָׁר הָאט מֶען אִין דֶעם גֶעשֶׁעפְט גֶע'גַנְבְ'עֶט פוּן מֶענְטְשְׁן? דִי וָואג אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, מֶען הָאט אָפְּגֶעפָּאפְּט מֶענְטְשְׁן, אוּן דִי נְשָׁמָה הָאט נִישְׁט קַיין רוּ; אִיר דַארְפְט בַּאצָאלְן פַאר אַלֶע וָואס מֶען הָאט דָא בַּא'גַנְבְ'עֶט אוּן בִּיז מֶען וֶועט נִישְׁט בַּאצָאלְן - וֶועט דִי נְשָׁמָה נִישְׁט הָאבְּן קַיין מְנוּחָה".

דֶער אִיד פְרֶעגְט: "וִוי קֶען אִיךְ מְתַקֵּן זַיין? אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶועם צוּ בַּאצָאלְן, וִוי אִיז מֶעגְלִיךְ צוּ וִויסְן וֶועם מֶען הָאט בַּא'גַנְבְ'עֶט אוּן וִויפִיל?"

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אִים: "אוֹיבּ מֶען הָאט גֶע'גַנְבְ'עֶט אוּן מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וֶועם צוּ בַּאצָאלְן - זָאגְט דִי תּוֹרָה - מֶען זָאל מַאכְן צָרְכֵי רַבִּים; זָאלְט אִיר הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צָרְכֵי רַבִּים".

דֶער אִיד הָאט גֶעגֶעבְּן גֶעלְט צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן ווּאוּנְדֶער הָאט פַּאסִירְט, דֶער הוּנְט אִיז מֶער נִישְׁט צוּרִיק גֶעקוּמֶען.

וָואס לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי מַעֲשֶׂה? עֶרְשְׁטְנְס דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי מְפִיצִים, זֵיי גֵייעֶן אַרוּם אִין הַייזֶער אוּן צוּ גֶעשֶׁעפְטְן מְזַכֶּה זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, אוֹיךְ לֶערְנֶען מִיר דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן גַנְבְ'עֶנֶען; אוֹיבּ מֶען גַנְבְ'עֶט - הָאט מֶען נִישְׁט קַיין רוּ, דְרִיטְנְס לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אַז הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן - אִיז אַלֶעס מְתַקֵּן.

אַלֶע קִינְדֶער זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: "פְּלוּצְלוּנְג אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, אַ קְלֵיינֶע סֵפֶר, פִּינְקְט פַאר מִיר גֶעבְּרֶענְגְט צוּ מַיין טִיר, גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן, עֵצוֹת גֶעגֶעבְּן..."

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַ בִּילְד ווִי אַ הוּנְט שְׁפְּרִינְגְט צוּם וָואגְשָׁאל אוּן ווִי מוֹהֲרָא"ש אַלְס אִינְגֶערְמַאן שְׁטֵייט אִין דֶער זַייט מִיט סְפָרִים אִין דִי הַאנְט אוּן ווִי דֶער בַּעַל הַגֶעשֶׁעפְט שְׁטֵייט מִיט אַ פָּנִים פוּל מִיט שְׁרֶעק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

שְׁמֵייכְלְט אוּן שְׁמֵייכְלְט, זִיךְ אָפְּרוּעֶן אוּן וַוייטֶער שְׁמֵייכְלֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבָבִי"ם, כ' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק מָרַת ... תִּחְיֶ'

אַייעֶר מַאן ... נֵרוֹ יָאִיר אִיז אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן, אִיר זֶענְט גְלִיקְלִיךְ אַז אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ טֵייעֶרֶע מַתָּנָה פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַזַא מַתָּנָה, אוּן אִיר זָאלְט זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

וַויינְט נִישְׁט וֶוען אַייעֶר מַאן זֶעט, עֶר זָאגְט מִיר עֶר קֶען עֶס נִישְׁט נֶעמֶען, עֶר וֶוערְט זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן. וַויינְט נָאר שְׁטִילֶערְהֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען אַייעֶר מַאן קוּמְט אַהֵיים - זָאלְט אִיר שְׁמֵייכְלֶען אוּן נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ.

שְׁמֵייכְלְט אוּן שְׁמֵייכְלְט, אוּן וֶוען אִיר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ שְׁמֵייכְלֶען - זָאלְט אִיר זִיךְ אָפְּרוּעֶן אוּן שְׁמֵייכְלֶען; דָאס אִיז דֶער עִיקָר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם בַּיי פְרוֹיעֶן, צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, שְׁמֵייכְלֶען צוּם מַאן.

...

יֶעצְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה זָאלְסְטוּ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט פַאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבָבִי"ם, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הֶער זֵייעֶר שֵׁיינֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר פוּן דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, פוּן דַיין

לֶערְנֶען אוּן פוּן דַיין דַאוְוענֶען; אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זֶה חֶלְקִי מִכָּל עֲמָלִי.

יֶעצְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה קֶענְסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא עב:): "הַלוֹמֵד תּוֹרָה בְּטָהֳרָה", ווִי אַזוֹי קֶען מֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת? "נוֹשֵׂא אִשָּׁה, וְאַחַר כָּךְ לוֹמֵד תּוֹרָה", אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה; יֶעצְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה זָאלְסְטוּ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט פַאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה, אוּן פַאר הִתְבּוֹדְדוּת - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ דִיר, אוּן דִי גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר - דָאס בַּארוּאִיגְט מִיךְ.

דַיין טַאטֶע דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת, קֶען קוּמֶען בִּיטֶערֶע מַחְלוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבבִי"ם, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

...

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי מֶעסֶעדְזְשׁ, עֶס אִיז מִיר שְׁלֶעכְט גֶעוָוארְן, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אִיךְ פַאל חַלָשׁוֹת... ווִי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, אַ וַוייבְּל זָאל גֵיין אוּנְטֶערְן מַאנְ'ס רוּקְן רֶעדְן מִיט אַ פְרֶעמְדֶער מַאן... הֶענְט אוּן פוּס צִיטֶערְן מִיר, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

זָאג פַאר דִי וַוייבְּל, אָדֶער טוּט זִי תְּשׁוּבָה, זִי לָאזְט אָפּ דִי עֶקֶלְדִיגֶע גְרוֹילִיגֶע זַאךְ פוּן רֶעדְן מִיט אַ פְרֶעמְדֶער מַאן אוּנְטֶערְן מַאנְ'ס רוּקְן - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיר מוֹחֵל זַיין, אוּן אַז נִישְׁט - קֶען אָנְקוּמֶען אַ בִּיטֶערֶע מַחֲלָה וָואס מֶען עֶנְדִיגְט דָאס לֶעבְּן אִין שְׁפִּיטָאל; וַוייל אוֹיף אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאֲרִיךְ אַף, עֶר וַוארְט, אוֹיסֶער אוֹיף זְנוּת (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כו, ה).

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי מֶעסֶעדְזְשׁ אֵיידֶער אִיךְ הָאבּ גֶעטַאנְצְן מִצְוָה טַאנְץ בַּיי אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט כֹּחַ צוּ טַאנְצְן פוּן הֶערְן אַזַא מַעֲשֶׂה.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ.

...

**יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה אוֹיף שַׁבָּת**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבבִי"ם, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע, מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִחְיוּ**

אִיךְ בִּין אַייךְ שׁוּלְדִיג אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה אוֹיף שַׁבָּת, צוּ קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת בַּיי מַיין זוּן שִׁמְעוֹן.

מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט זֵייעֶר בַּאקְוֶועם, מִיר הָאבְּן זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט.

בִּזְכוּת הַכְנָסַת אוֹרְחִים זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע דוֹרוֹת, און צוּ שֶׁפַע, בְּרָכָה וְהַצְלָחָה.

...

אַמָאל פְלֶעגְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן דַיינֶע סִיוּמִים, הָאסְט מִיךְ אַזוֹי מְחַיֶ' גֶעוֶוען, אִיךְ וַוארְט זָאלְסְט צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן דַיינֶע סִיוּמִים; וַוייל דָאס אִיז מַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע טְרֵייסְט, צוּ זֶען מַיינֶע תַּלְמִידִים לֶערְנֶען און עֶנְדִיגְן נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא און נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא.

...

**גֶעבּ פַאר יֶעדְן בָּחוּר גוּטֶע וֶוערְטֶער**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבבִי"ם, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל יְשִׁיבָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, און שְׁטַארְק דִי טַייעֶרֶע תַּלְמִידִים; לֵייג אַרַיין אִין זֵיי אַ בְּרֶען און אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און צוּ דִי תּוֹרָה.

גֶעדֶענְק וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעבֶּעטְן פַאר צְוָואנְצִיג יָאר צוּרִיק וֶוען אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶענוּמֶען זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן אִין דִי יְשִׁיבָה ... מִיט דִי בָּחוּרִים, הָאסְט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז דַיין פְלִיכְט, הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעזָאגְט: "אֵיין זַאךְ דַארְף אִיךְ

פוּן דִיר, זָאלְסְט גֶעבְּן יֶעדְן בָּחוּר גוּטֶע וֶוערְטֶער, סֵיי פְּרִיוַואט אוּן בַּאזוּנְדֶער בָּרַבִּים, אוּן בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ זָאלְסְטוּ כַּאפְּן אַ שְׁמוּעֶס מִיט יֶעדְן בָּחוּר״.

דִי בַּקָּשָׁה בֶּעט אִיךְ יֶעצְט פוּן פְּרִישׁ, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין מְנַהֵל צוּ גֶעבְּן פְּסָקִים, אִיךְ דַארְף דִיךְ פַּאר חִיזוּק; יֶעדֶער בָּחוּר זָאל בַּאקוּמֶען גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן אַ וַוארֶעמֶע שְׁמֵייכְל.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

...

### זַיי אַ הֶעלְד, בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער מִיט דַיין וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבָבִי״ם, כ״א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ וִויל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט לֶעבְּן מִיט דַיין וַוייבּ בְּשָׁלוֹם אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט. הָאסְט אַ ווּאוֹילֶע וַוייבּ, רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַזוֹי וִוי אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד רֶעדְט; אֲפִילוּ זִי הָאט דִיךְ בַּא׳עַוָולְה׳ט - זָאלְסְט נָאכְאַלְץ שֵׁיין רֶעדְן צוּ אִיר.

טוּ מִיר דִי טוֹבָה, מַאךְ מִיר דִי טוֹבָה; וִוי נִישְׁט הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען פוּן מִיר עֶפֶּעס גוּטְס, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט דִיר אִין יְשִׁיבָה אוּן שְׁפֶּעטֶער, אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אִיךְ בֶּעט נָאר דִי אֵיין זַאךְ, זָאלְסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ אוּן אִיר מְכַבֵּד זַיין; וַוייל אִיךְ וֶוער קְרַאנְק צוּ הֶערְן אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ, עֶס קָאסְט מִיר אַ שְׁטִיק גֶעזוּנְט. אִיךְ זָאג דִיר דֶעם אֱמֶת, יֶעדֶעס מָאל אִיךְ בַּאקוּם אַ טֶעלֶעפָאן רוּף פוּן אַ פָּארְפָּאלְק אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ - וֶוער אִיךְ שְׁוַואךְ.

זַיי אַ הֶעלְד, בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער אוּן הַאלְט נִישְׁט קַיין רוּגְזָא, מִישׁ אַרִיבֶּער דֶעם בְּלֶעטְל אוּן הוֹיבּ אָן אַ פְּרִישֶׁע בְּלַאט אִין לֶעבְּן.

הַלְוַואי וֶועסְטוּ אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער פוּן הַארְץ אוּן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לִיבְּט דִיךְ זֵייעֶר.

...

**אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַארְן לֶערְנֶען מִיט מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבָבִי"ם, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ דַאנְק דִיךְ פוּן דִי טִיפֶענִישׁ פוּן מַיין הַארְץ פַארְן לֶערְנֶען מִיט מַיינֶע קִינְדֶער. אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ זַיין אַ מְלַמֵד, אִיךְ וֵוייס גָאר גוּט וָואס אַ מְלַמֵד גֵייט אַרִיבֶּער, אִיךְ אַלֵיינְס בִּין שׁוֹין צְוָואנְצִיג יָאר אַ מְלַמֵד פַאר בָּחוּרִים; עֶס אִיז גָאר שְׁוֶוער דִי אַרְבֶּעט, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט - זָאלְסְטוּ ווִיסְן - אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער אוֹיף דִי וֶועלְט מוּטְשֶׁעט זִיךְ, אֲפִילוּ דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים מוּטְשֶׁען זִיךְ זֵייעֶר, זֵיי הָאבְּן אַזוֹיפִיל צַעַר אוּן פְּלָאג.

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַארְן זִיצְן טָאג נָאךְ טָאג מִיט מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין, זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען, זֵייעֶר קָאפּ אוּן הַארְץ זָאל זִיךְ עֶפֶענֶען פַאר דִי תּוֹרָה.

דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים; וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען זֵייעֶר הַארְץ אוּן זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיךְ לִיבּ בְּאַהֲבַת נֶפֶשׁ, אוּן אִיז דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה.

...

**בֵּיידֶע, סַיי דִי חֲתוּנָה אוּן סַיי דִי בְּרִית, הָאבְּן גֶעקָאסְט דִי זֶעלְבֶּע**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבָבִי"ם, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ שַׁבָּת וֶועל אִיךְ זַיין אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן אִם יִרְצֶה הַשֵׁם דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ - שַׁבָּת פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים - פָאר אִיךְ אַוֶועק פַאר שַׁבָּת מִיט צֶען אִינְגֶעלַייט וָואס הֶעלְפְן מִיר צוּ קֶענֶען צָאלְן דִי מְלַמְדִים. מִיר אִיז נִישְׁט גְרִינְג אַוֶועק צוּ פָארְן פוּן שְׁטוּבּ, מִיר אִיז דִי גֶעשְׁמַאקְסְטֶע זַאךְ צוּ זַיין שַׁבָּת

אִין שְׁטוּב מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה, אָבֶּער אִיךְ דַארְף דָאס טוּן צוּ קֶענֶען דֶעקְן דִי מְלַמְדִים אוּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע צוּ צָאלְן אִין צַייט.

אִיךְ וִויל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, הַיינְט אִיז דִי דַף בָּבָא קַמָּא דַף צ. מִיר גֵייעֶן שׁוֹין עֶנְדִיגְן דִי מַסֶּכְתָּא, אִיךְ וִויל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם מַאכְן אַ שֵׁיינֶע סִיוּם פַאר דִי גַאנְצֶע קְהִילָּה לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, אַ סִיוּם מַסֶּכֶת בָּבָא קַמָּא, אוּן בְּעִיקָר מְחַזֵּק זַיין צוּ אָנְהֵייבְּן מַסֶּכֶת בָּבָא מְצִיעָא; וַוייל אִיךְ זֶע וִוי אִינְגֶעלַייט פְּלָאגְן זִיךְ אַזוֹי פַאר פַּרְנָסָה, וִויפִיל מֶען דְרֵייט, מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ מַאכְן אַפָּאר דָאלֶער - פַארְלִירְט מֶען אוּן מֶען זִינְקְט אִין חוֹבוֹת, אִיךְ הֶער פוּן גְרוֹיסֶע בִּיזְנֶעסְלַייט אַז זֵייעֶר גַאנְצֶע בִּיזְנֶעס אִיז אַ גְרוֹיסֶע בַּאלָאן, אַלֶעס אִיז חוֹבוֹת מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע רִיבִּית, אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ שָׁאד מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי בְּלַאט גְמָרָא; דָאס אִיז יָא, דָאס בְּלַייבְּט, דָאס גֶעבְּט פַּרְנָסָה, גְמָרָא גֶעבְּט שַׁלְוַת הַנֶּפֶשׁ.

נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, אוֹיךְ אַ בְּרִית; בֵּיידֶע, סַיי דִי חֲתוּנָה אוּן סַיי דִי בְּרִית - הָאבְּן גֶעקָאסְט דִי זֶעלְבֶּע, דִי בְּרִית אוּן דִי חֲתוּנָה זֶענֶען בֵּיידֶע גֶעוֶוען פוּל מִיט טַעַם. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אָן קַיין חוֹבוֹת נָאר מִיט שִׂמְחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וֶוער לֶעבְּט דִי רוּאִיגֶע לֶעבְּן מִיט מְנוּחָה וְשַׁלְוָה?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבָבִי״ם, כ״א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, וָואלְסְטוּ גֶעוִויסְט וָואס טוּט זִיךְ אִין דִי וֶועלְט, בַּיי דִי עֲשִׁירִים, בַּיי דִי גְבִירִים - וִוי זֵיי קְרֶעכְצְן מִיט חוֹבוֹת, מִיט גְרוֹיסֶע הַלְוָאוֹת, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין מְנוּחָה, זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז דַאֲגוֹת - וָואלְסְטוּ זִיךְ גֶעפְרֵייט אַז דַיין לֶעבְּן אִיז פוּל מִיט גוּטֶע זַאכְן; דוּ זִיצְט מִיט תִּינוֹקוֹת

שֶׁל בֵּית רַבָּן רוֹב טָאג, דוּ לֶערְנְסְט תּוֹרָה אוּן דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין תִּיקּוּן הָעוֹלָם.

פָאריגֶע וָואךְ בִּין אִיךְ גֶעזִיצְן אַ מִיטִינְג מִיט גְרוֹיסֶע סוֹחֲרִים, גְרוֹיסֶע בִּיזְנֶעסְלַייט, זֵיי הָאבְּן מִיר דֶערְצֵיילְט וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִין עוֹלָם הַמִּסְחָר, ווִי מֶען דְרֵייט מִיט גְרוֹיסֶע הַלְוָאוֹת, מִיט בִּיטֶערֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע פְּרָאצֶענְטְן, פְרֶעג אִיךְ זֵיי: "זָאגְט מִיר, אוֹיבּ אַלֶעס אִיז אַ גְרוֹיסֶע בְּלָאף, אַ לִיגְנְט, נוּ וֶוער הָאט יָא דִי לֶעבְּן? וֶוער הָאט דִי מְנוּחָה וְשַׁלְוָה?" זָאגְן זֵיי מִיר, פֶּה אֶחָד: "דִי מְלַמְּדִים אוּן כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט"; שֵׁבֶט לֵוִי הָאט עֶס, שֵׁבֶט לֵוִי - זֵיי לֶעבְּן דִי רוּאִיגֶע לֶעבְּן מִיט מְנוּחָה וְשַׁלְוָה.

זַיי קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵּא, זַיי מְקַנֵּא נָאר דֶעם עֶרְלִיכְן אִיד.

...

## פוּן תַּעֲנִיתִים הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם נִישְׁט אַזוֹי מוֹרָא, ווִי פוּן שִׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבָבִי"ם, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרִית אִין יְשִׁיבָה, בַּיי אַ קִינְד פוּן לִיפָּא נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הָאט אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן נַחְמָן נָתָן. בַּיי דִי סְעוּדָה הָאבּ אִיךְ אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט וָואס מוֹהֲרַ"אְ"ש זָאגְט, מֶען ווִינְטְשְׁט: "כְּשֵׁם שֶׁנִּכְנַס לִבְרִית כֵּן יִכָּנֵס לַתּוֹרָה וּלַחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים", ווַייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קל.): "עֲדַיִין עוֹשִׂין אוֹתָהּ בְּשִׂמְחָה", דִי מִצְוָה פוּן בְּרִית מִילָה טוּעֶן אַלֶע מִיט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אַנְדֶערְשׁ ווִי אַנְדֶערֶע מִצְוֹת - ווַייל מֶען הָאט דָאס מְקַבֵּל גֶעוֶוען מִיט שִׂמְחָה; דָאס אִיז דִי בְּרָכָה וָואס מֶען ווִינְטְשְׁט דֶעם קִינְד, אַזוֹי ווִי דִי בְּרִית אִיז גֶעטוּן גֶעוָוארְן מִיט שִׂמְחָה, מִיט שָׁלוֹם - אַזוֹי זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אַלֶע מִצְוֹת אוּן אוֹיךְ דִי חֲתוּנָה, זָאל אַלֶעס זַיין מִיט שִׂמְחָה.

מִיר הָאבְּן אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט וָואס מוֹהֲרַ"אְ"ש שְׁרַייבְּט, אַז עֶס אִיז גְרִינְגֶער פַאר אַ מֶענְטְשׁ צוּ פַאסְטְן אוּן זִיךְ מְסַגֵּף זַיין - ווִי זַיין פְּרֵיילִיךְ אַז מֶען אִיז אַ אִיד אוּן מֶען טוּט מִצְוֹת; זַיין פְּרֵיילִיךְ אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם

צִיטֶערְט פוּן שִׂמְחָה, שִׂמְחָה הַרְגְ׳עֶט אִים, שִׂמְחָה שֶׁחְט אִים אָפּ אִינְגַאנְצְן; פוּן פַאסְטְן הָאט עֶר נִישְׁט מוֹרָא, וַוייל דָאס אִיז נִישְׁט סוֹף פָּסוּק, קֶען זַיין נָאכְן פַאסְטְן זָאל מֶען זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוּן זִיךְ קְרִיגְן; אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען מֶענְטְשְׁן וָואס פַאסְטְן אוּן טְשֶׁעפֶּען דִי וַוייבּ כְּאֶחָד הָרֵיקִים, אִיז וָואס הֶעלְפְט פַאסְטְן? אַזוֹי אוֹיךְ אַנְדֶערֶע סָארְט סִיגוּפִים אִיז נִישְׁט שְׁלֵימוּת, וַוייל קֶען זַיין דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַרוּם מִיט גַּאֲוָה, עֶר טְרַאכְט וִוי גְרוֹיס עֶר אִיז מִיטְן מַאכְן סִיגוּפִים, אַנְדֶערְשׁ אִיז וֶוען מֶען פְרֵייט זִיךְ מִיט שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי, מֶען פְרֵייט זִיךְ אַז מֶען טוּט מִצְוֹת; דָאס פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ; דֶערִיבֶּער אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי וֶועכֶנְטְלִיכֶע לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר, קוּם זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן. דִי וָואךְ אִיז שַׁבָּת קַבָּלַת הַתּוֹרָה, מֶען גֵייט פוּן פְרִישׁ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, קְרִיאָה מְעוֹרֵר הַזְּמַן, עֶס אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען פוּנְדָאסְנֵיי אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מֶען דַארְף נָאר טוּן וָואס יִתְרוֹ הָאט גֶעטוּן, יִתְרוֹ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן צוּם צַדִּיק, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה בַּיי אַ צַדִּיק, צוּ לֶערְנֶען אוּן צוּ דַאוֶוענֶען אוּן צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אַז יוּנְגֶע קָאפְּלֶעךְ זָאלְן זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבְבִי״ם, כ״ו שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וִויל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט נִישְׁט גֵיין פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס מִיט דַיין וַוייבּ צוּ בָּאטֶעס וָואס יוּנְגֶע קָאפְּלֶעךְ קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע זַאךְ, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט; בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ פְּרִיוַואט בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה.

דִי שְׁטֶעטְל הָאב אִיךְ גֶעבּוֹיט עֶס זָאל זַיין אַ פְּלַאץ פַאר יִרְאַת שָׁמַיִם, אִינגֶעלַייט זָאלְן קֶענֶען לֶעבְּן מִיט דִי וַוייבּ הֵיילִיג און רֵיין, יֶעצְט אַז אִיךְ הֶער אַז מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם אִינְאֵיינֶעם קָאפְּלְס - מַאכְט מִיר דָאס טְרַאכְטְן 'אַ שָׁאד מַיין הָארֶעוַואנְיֶע', עֶס מַאכְט מִיר טְרַאכְטְן פוּן אָפְּלָאזְן רֶעדְן מִיט תַּלְמִידִים און אוֹיפְהֶערְן אַוֶועק גֶעבְּן מַיין צַייט פַאר דֶעם.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין אַ פְרֶעמְדֶע שְׁטוּב; אַז עֶס אִיז דִיר אוּמֶעטִיג אִין שְׁטוּב (בָּאוֹרְד) - קֶענְסְטוּ גֵיין צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן, אָדֶער צוּ דַיין וַוייבְּ'ס עֶלְטֶערְן, אָדֶער צוּ אַ זֵיידֶע אָדֶער אַ בַּאבֶּע, אָבֶּער נִישְׁט צוּ קַיין חֲבֵרִים, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה; עֶס זֶעט אוֹיס וְוי אַ נִישְׁט שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, אָבֶּער עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ זֵייעֶר בִּיטֶער.

בִּיטֶע מִיר צוּרִיק שְׁרַייבְּן אַז דוּ גֵייסְט לֶעבְּן פְּרִיוַואט מִיט דַיין וַוייבּ, און נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן קַיין חֲבֵרִים אִין דַיין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

מֶען דַארְף צוּקוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוֹיף חִינוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבָבִי"ם, כ"ו שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

יֶעצְט אִיז גֶעוָוארְן אַ יָאר פוּן וֶוען דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְגֶעבְּן דֶעם הֶערְלִיכְן גִּלְיוֹן 'שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ'. דֶער גִּלְיוֹן הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע מַהְפֵּכָה אִין דִי וֶועלְט; אֲפִילוּ דִי וָואס ווילְן נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען אִין הַאנְט אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ צֶעטְל- אָבֶּער דֶעם גִּלְיוֹן נֶעמְט מֶען יָא, וַוייל אַלֶע דַארְפְן עֵצוֹת אוֹיף חִינוּךְ; אַלֶע זֶענֶען פַארְלוֹירְן אִין דֶעם עִנְיָן.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, שְׁטַארְק זִיךְ בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז, וַוייל דִי וֶועלְט דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם; עֶס בְּלָאזְט לִינְקֶע ווינְטְן, און דִי חִינוּךְ פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אִיז אִין אַ סַכָּנָה, מֶען דַארְף הָאבְּן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת און

שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי מְחַנֵךְ צוּ זַיין דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה.

עֶס אִיז ווִיכְטִיג זָאלְסְט גֶעבְּן פַּאר הָאַבְרֵךְ יִצְחָק שְׁמוּאֵל נֵרוֹ יָאִיר דֶעם גִלְיוֹן עֶר זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין דִי גִּלְיוֹן אֵיידֶער מֶען דְרוּקְט דָאס, עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין מִכְשׁוֹלוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**עֶס פַּאסְט נִישְׁט פַּאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיף וֶוענְט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבְבִי״ם, כ״ו שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי בִּילְדֶער פוּן דִי נֵייעֶ טִירְן אִין דִי בֵּית פֵּיגָא, עֶס אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסָד.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן, אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט אוֹיפְן בִּילְד אַז אוֹיף דִי וַואנְט נֶעבְּן דִי אַרַיינְגַאנְג אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן גְרַאפִּיטִי מִיט אִידִישֶׁע אוֹתִיוֹת, עֶס זֶעט מִיר אוֹיס אַז מֵיידְלֶעךְ הָאבְּן דָאס גֶעטוּן. ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס זָאלְסְט וַוייזְן פַּאר דִי מְנַהֶלֶת דִי זַאךְ, עֶס פַּאסְט נִישְׁט פַּאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיף וֶוענְט, אוּן זִיכֶער נִישְׁט שָׁאדְן מַאכְן הַקֹּדֶשׁ גֶעלְט, צְוֵוייטְנְס, פֶּעִינְט אָפּ דִי גַאנְצֶע וַואנְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי גְרַאפִּיטִי, עֶס זָאל זַיין שֵׁיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וואו איז די הַבְטָחָה פון די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה?**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבְבִי"ם, כ"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד**
**לִפְרָט קָטָן**
**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דִי פְרַאגֶע.

אַז אַייעֶר בָּחוּר פְרֶעגְט אַייךְ: "וָואס אִיז פְּשַט, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין דִי תּוֹרָה (שְׁמוֹת כ, יא): ׳כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ, לְמַעַן יַאֲרִכוּן יָמֶיךָ׳, אִיז וִוי קֶען זַיין אַז טַאטִי - וָואס הָאט אַזוֹי מְכַבֵּד גֶעוֶוען זַיין טַאטֶע - אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אַזוֹי יוּנְג?" עֶר פְרֶעגְט: "וִוי קֶען זַיין עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה אֵיין זַאךְ אוּן מֶען זֶעט עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי?" אִיר ווילְט וויסְן וָואס אִים צוּ עֶנְטְפֶערְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (חוּלִּין קמב.) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ תַּנָּא וָואס אִיז גֶעוָוארְן אַן אַפִּיקוֹרֶס, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי אֵיינֶער בֶּעט זַיין זוּן: "קְרִיךְ אַרוֹיף אוֹיפְן בּוֹים, בְּרֶענְג מִיר פֵייגְלֶעךְ צוּ עֶסְן", דֶער קִינְד אִיז אַרוֹיפְגֶעקְרָאכְן אוֹיפְן בּוֹים אוּן גֶעטוּן סֵיי דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב אוּן סֵיי דִי מִצְוָה פוּן שִׁלּוּחַ הַקֵּן, עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט דִי מַאמֶע פֵייגְל, אוּן פְּלוּצְלוּנְג אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן גֶעשְׁטָארְבְּן; הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט, וִוי קֶען זַיין אֵיינֶער וָואס טוּט כִּיבּוּד אָב, וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט לְמַעַן יַאֲרִכוּן יָמֶיךָ, דוּ וֶועסְט לַאנְג לֶעבְן, אוּן אוֹיךְ טוּט עֶר דִי מִצְוָה פוּן שִׁלּוּחַ הַקֵּן וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט אוֹיךְ בַּיי דִי מִצְוָה דוּ וֶועסְט לַאנְג לֶעבְן - "הֵיכָן אֲרִיכוּת יָמָיו שֶׁל זֶה, וְהֵיכָן טוֹבָתוֹ שֶׁל זֶה", וִוי אִיז דִי הַבְטָחָה פוּן דִי תּוֹרָה? הָאט עֶר אָפְּגֶעלָאזְט דִי אִידִישֶׁע וֶועג אוּן גֶעוָוארְן אַן אַפִּיקוֹרֶס.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי נְשָׁמָה אִין גַן עֵדֶן; דֶער וָואס טוּט דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי מִצְוָה פוּן שִׁלּוּחַ הַקֵּן - דֶער וֶועט לֶעבְן אַ לַאנְגֶע לֶעבְן אִין גַן עֵדֶן, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אַסַאךְ שְׂכַר אִין עוֹלָם הַבָּא; זָאגְט פַאר אַייעֶר בָּחוּר וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דַרְשְׁנֶ׳עְן, אוּן אַז טַאטִי הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ זֵיידִי - הָאט עֶר יֶעצְט גְרוֹיס שְׂכַר.

רֶעדְט אַסַאךְ צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה, זֵיי זָאלְן וויסְן אַז דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, עֶס אִיז דָא אַסַאךְ קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָאס אִיז גָאר זַיין שֵׁיינְקֵייט אוּן גְרוֹיסְקֵייט. דֶער תַּנָא וָואס הָאט גֶעהַאט דִי קַשְׁיָא וואוּ אִיז דִי אֲרִיכַת יָמִים אוֹיף כִּיבּוּד אָב וָאֵם, הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט אַ קַשְׁיָא אוֹיף שְׂכַר וְעֹנֶשׁ; עֶר הָאט גֶעזֶען אֵיינֶע פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים פוּן דִי עֲשָׂרָה הֲרוּגֵי מַלְכוּת, ווִי אַ דָבָר אַחֵר הַאלְט אִין מוֹיל דִי צִינְג פוּן רֶבִּי חֻצְפִּית הַמְתֻרְגְּמָן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ווִי קֶען זַיין 'פֶּה שֶׁהֵפִּיק מַרְגָּלִיּוֹת' אַ מוֹיל וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוֶונְט, 'יְלַחוּךְ עָפָר' זָאל לִיגְן אִין דִי מִיסְט?! דָאס הָאט אִים גֶעמַאכְט עֶר זָאל אָפְּלָאזְן דִי תּוֹרָה וֶועג.

פְרֶעגְלְט אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה; יֶעדֶע מָאל מֶען זִיצְט מִיט קִינְדֶער בַּיי אַ סְעוּדָה, בַּיי אַ פַארְבְּרֶענְג - רֶעדְט מֶען פוּן אֱמוּנָה; אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, מֶען חַזֶר'ט דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן וָואס זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן נב) דָאס וָואס עֶס אִיז דָא קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַזוֹי דַארְף צוּ זַיין, "וְכָךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ", אוּן דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אוֹיבּ מִיר וָואלְטְן אַלֶעס פַארְשְׁטַאנֶען וָואלְט דָאךְ גֶעוֶוען זַיין שֵׂכֶל אַזוֹי ווִי אוּנְזֶער שֵׂכֶל - חַס וְשָׁלוֹם; קוּמְט אוֹיס אַז דָאס אִיז דֶער שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן אִים נִישְׁט. אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "ווארוּיל אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

חַזֶר'ט מִיט דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, זֵיי זָאלְן זִיךְ דְרֵייעֶן צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס רֶעדְן נָאר אֱמוּנָה; ווִי מֶער מֶען חַזֶר'ט אֱמוּנָה - אִיז דָאס לֶעבְּן גוּט אוּן זִיס, אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, אֲפִילוּ מֶען אִיז אַ לַמְדָן אוּן מֶען קֶען גוּט לֶערְנֶען - קֶען מֶען פְּלוּצְלוּנְג אַלֶעס אָפְּלָאזְן, מֶען זֶעט בַּיי אַסַאךְ שְׁטִיבֶּער אַ קִינְד פַאלְט אַוֶועק, מֶען וואוּנְדֶערְט זִיךְ 'וָואס קֶען דָאס זַיין? דָאס קִינְד אִיז גֶעוֶוען אַ גוּט קִינְד'; דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, מֶען רֶעדְט נִישְׁט גֶענוּג פוּן אֱמוּנָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס - מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן אוּן מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט.

זַייט מְחַזֵק דִי קִינְדֶער דִי יְתוֹמִים; זָאגְט זֵיי, מִיט יֶעדֶע וָוארְט תּוֹרָה אוּן יֶעדֶע וָוארְט תְּפִלָּה - מַאכְן זֵיי אַ נַחַת רוּחַ פַאר דִי נְשָׁמָה פוּן זֵייעֶר טַאטֶע.

מֶען קֶען זִיךְ נִשְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן ווִי הוּנְגֶערִיג אַ נְשָׁמָה אִיז, ווִי זֵיי זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ׳ מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס דִי קִינְדֶער טוּעֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נֶעם זִיךְ פָּאר צוּ שְׁנַיידְן דִי נֶעגְל יֶעדֶע וָואךְ לְכָבוֹד שַׁבָּת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבָבִי״ם, כ״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

פָארִיגֶע וָואךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט אֵלִיָהוּ הַנָבִיא, צְוֵויי מָאל אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה בַּיי אַ בְּרִית, אוּן בְּשָׁעתְ׳ן זַיין סַנְדָק הָאבּ אִיךְ סְפֶּעצִיעֶל גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר אוּן דַיין וַוייבּ, עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף עֶנְק אוּן עֶנְק גֶעבְּן זֶרַע שֶׁל קַיָימָא.

בִּיז דֶערְוַוייל זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר טוּנְקְל אוּן בִּיטֶער שְׁוֶוער - דָאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט עֶנְק נִשְׁט פַארְלָאזְן.

נֶעם זִיךְ פָּאר עֶפֶּעס טוּן לְכָבוֹד שַׁבָּת, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, שְׁנַיידְן דִי נֶעגְל יֶעדֶע וָואךְ לְכָבוֹד שַׁבָּת; אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד שַׁבָּת זֶעט מֶען יְשׁוּעוֹת.

...

**לֵייג אַלֶע עֲבוֹדוֹת אִין דֶער זַייט אוּן נֶעם זִיךְ צוּ הֲפָצָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבָבִי״ם, כ״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, לֶעיקְוָואד**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ דִי מֶעסֶעדְזְשׁ וָואס דוּ פְלֶעגְסְט מִיר שִׁיקְן וֶועכֶנְטְלִיךְ יֶעדֶע עֶרֶב שַׁבָּת, אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל גִלְיוֹנוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים דוּ הָאסְט אוֹיסְגֶעטֵיילְט אִין דִי שׁוּלְן אוּן אִין יְשִׁיבוֹת אִין לֶעיקְוָואד. אִיךְ וֵוייס נִשְׁט

וָואס אִיז גֶעשֶׁען, אוֹיבּ דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט הַפָּצָה, אָדֶער נָאר דִי מֶעסֶעדְזְשׁ שִׁיקְסְטוּ נִישְׁט.

בְּרוּדֶער, לָאז נִישְׁט אָפּ דִי הֲפָּצָה; וָואס וָואלְטְן מִיר גֶעטוּן אוֹיבּ מוֹהֲרַא״שׁ וָואלְט אָפְּגֶעלָאזְט דִי הֲפָּצָה, עֶר וָואלְט גֶעטוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אָן הֲפָּצָה, וִוי וָואלְטְן מִיר גֶעוֶוען? וִוי וָואלְטְן מִיר אוֹיסְגֶעזֶען...

לֵייג אַלֶע עֲבוֹדוֹת אִין דֶער זַייט און נֶעם זִיךְ צוּ הֲפָּצָה; קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט פַארְהַאן.

...

## הֲפָּצָה אִיז אוֹיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן דִי נָאנְטֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבָבִי״ם, כ״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֲפָּצָה וֵוייסְטוּ זִיכֶער, וֶוער עֶס לֶערְנְט סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל זֶעט אִין יֶעדֶע צְוֵוייטֶע בְּרִיוו דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָּצָה - פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶער אֵיין זַאךְ וֵוייסְן נִישְׁט אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַז הֲפָּצָה אִיז נִישְׁט נָאר קֵירוּב רְחוֹקִים, דֶערְנֶענְטֶערְן וַוייטֶע, הֲפָּצָה אִיז אוֹיךְ בַּיי קְרוֹבִים, דֶערְנֶענְטֶערְן נָאנְטֶע. בַּיי אוּנְז, צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם מֶענְטְשְׁן וָואס וַוארְטְן אֵיינֶער זָאל זִיךְ אוּמְקוּקְן אוֹיף זֵיי, אֵיינֶער זָאל זֵיי זָאגְן אַ וָוארְט פוּן רֶבִּי׳ן, אַ שְׁמֵייכְל, אָדֶער אַרַיינְנֶעמֶען אִין דִי תּוֹרָה, וַוייזְן אַז תּוֹרָה אִיז זִיס.

דִי שְׁטֶעטְל אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין, נָאךְ דִי אֵיין זַאךְ פֶעלְט, זִיךְ אוּמְקוּקְן אוֹיף אִינְגֶעלַייט וָואס דַארְפְן נָאךְ אַ סַעַד לְתָמְכוֹ. בֶּעט אִיךְ דִיר, צִינְד אָן לִיכְטֶעלֶעךְ, צִינְד אָן אִינְגֶעלַייט, בְּרֶענְג אַרַיין יֶעדְן אֵיינֶעם אִין תּוֹרָה, מַאךְ אַ קֶשֶׁר מִיט יֶעדְן אִינְגֶערְמַאן, אַ פֶּערְזֶענְלִיכֶע קֶשֶׁר.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לִיבְּט דִיר.

...

## אַז מִיךְ פָּאלְגְסְטוּ נִישְׁט, זָאג נִישְׁט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז דַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבָבִי״ם, כ״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

אָדֶער פָּאלְגְסְטוּ, אָדֶער גֵיי מִיט דִי וֶועג ווִי דַיינֶע עֶלְטֶערְן פִירְן זִיךְ; וַוייל אַז מִיךְ פָּאלְגְסְטוּ נִישְׁט - זָאלְסְטוּ נִישְׁט זָאגְן פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז דַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ.

מֶערְסְטְנְס קֶענְסְטוּ רֶעדְן צֶען מִינוּט אוּן אוֹיךְ נָאר מִיט שֵׂכֶל וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן אַז דוּ פָאלְגְסְט נִישְׁט, דוּ רֶעדְסְט יֶעדְן טָאג חָתָן כַּלָּה שָׁעוֹת, אוּן מֶען רֶעדְט וְכוּ׳ וְכוּ׳ - דַארְפְסְטוּ טוּן ווִי מֶען פִירְט זִיךְ בַּיי עֶנְק אִין דִי מִשְׁפָּחָה, אַז חָתָן כַּלָּה רֶעדְן נִישְׁט.

זַיי שְׁטַארְק אִין לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן חָק וְלֹא יַעֲבוֹר, מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דַאוֶועְנֶען מִיט מִנְיָן דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת יֶעדְן טָאג.

...

## אַ גַבַּאי דַארְף אַרַיינְבְּלָאזְן חַיּוּת אִין אַלֶע מִתְפַּלְלִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבָבִי״ם, כ״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, לֶעיקְוָואד**

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן וָואס טוּט זִיךְ בַּיי עֶנְק אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אוֹיבּ עֶס גֵייט אָן שִׁיעוּרִים פוּן הִתְחַזְּקוּת בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ, אוּן אוֹיבּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קוּמֶען אִין שׁוּל, אוּן בְּעִיקָר אוֹיבּ מֶען גֵייט הַפָּצָה, וַוייל מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן

אַרִיבֶּער שְׁוֶועְרֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן מִיטְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים קֶען מֶען זֵיי רַאטֶעוֶוען.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר גַבְּאַי אוֹיפְצוּאֶוועקְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, נִישְׁט אוֹיף אַיינְצוּשְׁלֶעפְן, אַ גַבְּאַי דַארְף אַרַיינְבְּלָאזְן חַיוּת אִין אַלֶע מִתְפַּלְלִים.

לָאז מִיךְ וִויסְן וָואס דִי פְּלַאן אוֹיף וַוייטֶער אִיז.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ.

...

### עֶס אִיז מִיר גָאר וִויכְטִיג אַ צֵייטוּנְג מִיטְן רֶבִּינְ׳ס הַקְדָּמוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבָבִי״ם, כ״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

אִיךְ וִויל דִיךְ מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט שְׁרַייבְּן וָואס מֶער נֵייעֶס אִין אוּנְזֶער צֵייטוּנְג ״קִרְיַת בְּרֶסְלֶב בְּלֶעטְל״, דָאס וֶועט הֶעלְפְן אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן נִישְׁט גֵיין זוּכְן נֵייעֶס אִין פְרֶעמְדֶע צֵייטוּנְגֶען וְכַדוֹמֶה.

בַּיים שְׁרַייבְּן דִי נֵייעֶס זָאלְסְטוּ עֶס שְׁרַייבְּן טְרוּקְן אוּן קַאלְט, לֵייג נִישְׁט אַרַיין קַיין קָאךְ אוּן שְׁמַאלְץ אוּן וֶוען דוּ פְלֶעכְסְט אַרַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער - זָאלְסְטוּ שְׁרַייבְּן זַאפְטִיג, מִיט חַיוּת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ שְׁרַייבְּן מֶער אוּן קוּרְצֶער וִוי אֵיינְס צְוֵויי לַאנְגֶע.

אוֹיבּ דוּ הָאסְט פְּרַאגֶעס וִוי אַזוֹי צוּ שְׁרַייבְּן, וָואס יָא אוּן וָואס נִישְׁט - בִּיטֶע מִיךְ פְרֶעגְן, וַוייל עֶס אִיז מִיר גָאר וִויכְטִיג אַ צֵייטוּנְג מִיטְן רֶבִּינְ׳ס הַקְדָּמוֹת.

...

### אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דֶעם וָואס פָאלְגְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבְבִי"ם, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, פָאלְג דִי עֵצוֹת; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "אוֹיף צְוֵויי כִּיתּוֹת מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר און אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן יָא גֶעוואוּסְט פוּן מִיר אָבֶּער הָאבְּן מִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אִיךְ וֵוייס אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען מֶען וֶועט לִיגְן מִיט דִי פוּס צוּם טִיר, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ גְרוֹיס חֲרָטָה הָאבְּן פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר און פַארְוָואס עֶר הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּ מִיר און מִיךְ גֶעפָאלְגְט, וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין דַּרְגָּא אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר וָואלְט נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען דֶערְצוּ, אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן, עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶען וויל זֶען ווי דוּ דֶערְהַאלְסְט זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבְבִי"ם, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אֵיינֶער פְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹיף וֶועלְכֶע זַאךְ זָאל אִיךְ זִיךְ פַארְלֵייגְן אִין לֶעבְּן? וָואס וויל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶען בַּיי מִיר? מוֹהֲרָא"שׁ עֶנְטְפֶערְט אִים אַזוֹי זִיס, אִיךְ טְרַאכְט דוּ קֶענְסְט נוּצְן דִי עֶנְטְפֶער פַאר דִיר; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אִים: "אִין הִימְל ווִיל מֶען אֵיין זַאךְ פוּן דִיר, מֶען וויל זֶען ווי דוּ טַאנְצְט און זִינְגְסְט, מֶען וויל זֶען ווי דוּ דֶערְהַאלְסְט זִיךְ און דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי מִיט אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידִים וָואס לָאזְן אוּנְז נִישְׁט פַּאלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶען פַאלְט און מֶען הֵייבְּט זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבָבִי"ם, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָעִקָּר מַה שֶׁקּוֹרִין "זִיךְ דֶערְהַאלְטְן"; הָעִקָּר וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער - דֶערְהַאלְט מֶען זִיךְ; מֶען טַאנְצְט און מֶען זִינְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה גֵייט, אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי שָׁאוּל מֶטֶעפְּלִיק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם, עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט און גֶעלֶערְנְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶער בְּרֶען. אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען אִין טֶעפְּלִיק, און צוּזֶעעֶנְדִיג זַיינֶע עֲבוֹדוֹת, וִוי עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא הִתְלַהֲבוּת, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "שָׁאוּל שָׁאוּל, אִיךְ הָאבּ פוּן דִיר נָאכְנִישְׁט קַיין הַנָאָה; וֶוען אִיךְ וֶועל זֶען וִוי שָׁאוּל פַאלְט אַרָאפּ און הֵייבְּט זִיךְ צוּרִיק אוֹיף און דִינְט וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ הַנָאָה הָאבְּן".

מָארְגְן וֶועט זַיין דִי לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אִין לֶעיקְוָואד, אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ סְעוּדַת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, אִיךְ דַארְף מְחַזֵּק זַיין דִי לֶעיקְוָואד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זַייט קְלוּג, דֶערְצֵיילְט נִישְׁט פְּרִיוַואטֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבְבִי״ם, כ״ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד
לִפְרָט קָטָן
**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַזַא טֵייעֶרֶער מַאן, אַייעֶר מַאן הָאט גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר, עֶר אִיז אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אַן עֶרְלִיכֶער, מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת; אִיר דַארְפְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; אַז אַייעֶר חַבֶרְ׳טֶע רֶעדְט צוּ אַייךְ אִירֶע פְּרִיוַואטֶע זַאכְן וְכוּ׳ - זָאלְט אִיר נִישְׁט צוּרִיק דֶערְצֵיילְן אַייעֶרֶע פְּרִיוַואטֶע זַאכְן, זַייט קְלוּג נִישְׁט צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן אַייעֶר מַאן אוּן פוּן אַייעֶר לֶעבְּן.

עֶס זֶענֶען דָא בַּיי פְרוֹיעֶן וָואס זוּכְן אַרַיינְצוּקְרִיכְן אִין אַ צְוֵוייטְנְ׳ס פְּרִיוַואטֶע זַאכְן, קְרַאצְן אַ צְוֵוייטְנְ׳ס קִישְׁקֶעס; מֶען דַארְף זַיין קְלוּג נִישְׁט צוּ וֶוערְן אַרַיינְגֶעדְרֵייט מִיט זֵיי, קֵיינְמָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פְּרִיוַואטֶע זַאכְן צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ.

זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִים, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה אוּן אוֹיף גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַז מֶען וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶעט מֶען נִיסִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבְבִי״ם, כ״ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד
לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, אַ טָאג פוּן תְּשׁוּבָה. בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְט מֶען זִיךְ צוּ זָאגְן אַלֶע חֳדָשִׁים יוֹם כִּיפּוּר קָטָן; עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז אַ טָאג פוּן חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ, זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּארֶעכֶענֶען, אָפְּלָאזְן דִי נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים.

אַז דוּ בִּיסְט גֶעדְרוּקְט, דוּ הָאסְט חוֹבוֹת - זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל גֵיין אִין אַ ווִינְקֶל אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן אִין דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אִין דַיין וֶועג פוּן רֶעדְן: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ חוֹבוֹת, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת, גֶעבּ מִיךְ גְרוֹיס שֶׁפַע**"; וֶועט פַּאסִירְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה, דוּ וֶועסְט זֶען עֶס וֶועט קוּמֶען מָן פוּן הִימְל, דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי וָואךְ אַ גְרוֹיסֶע מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי מְלַמְּדִים - סַיי אִין אַמֶערִיקֶע, סַיי אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דִי מְלַמְּדִים אִין אַמֶערִיקֶע אִין דִי דְרֵיי תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס - אִיז אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן אַכְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער אַ חוֹדֶשׁ, דָאס אִיז אוֹיסֶער דִי טִיטְשֶׁערְס אוּן אוֹיסֶער אַלֶע אַנְדֶערֶע הוֹצָאוֹת, אוֹיךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז דִי חֶשְׁבּוֹן אַלֶעס צוּזַאמֶען דְרַייסִיג טוֹיזְנְט אַ חוֹדֶשׁ. אִיךְ בֶּעט שְׁטִילֶערְהֵייט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען אִיךְ גֵיי אִין גַאס, וֶוען אִיךְ זִיץ אוֹיף מַיין פָּארְטְשׁ, וֶוען אִיךְ לִיג אִין בֶּעט; וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ אַז אִיךְ דַארְף בַּאצָאלְן מְלַמְּדִים - וֵויין אִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר הֶעלְפְן, אוּן דִי וָואךְ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין פָּאסְט אַ טְשֶׁעק פוּן זֶעקְס אוּן דְרַייסִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער, אַ טְשֶׁעק אָן אַ נָאמֶען, אַ נֵס, גֶעלְט פוּן הִימְל, גֶעלְט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אָן חַנְפְּ'נֶען, אָן זִיךְ בִּיקְן פַאר עֲבוֹדָה זָרָה, אַזוֹי ווִי מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, ווִי קֶען זַיין מִיר לֵיינֶען יֶעדְן טָאג אִין קְרִיאַת שְׁמַע, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (דְבָרִים יא, טז): "הִשָּׁמְרוּ לָכֶם פֶּן יִפְתֶּה לְבַבְכֶם", אִיךְ וָוארְן עֶנְק אוֹיבּ עֶנְק וֶועלְן זִיךְ בִּיקְן פַאר עֲבוֹדָה זָרָה; פְרֶעגְט מוֹהֲרַא"שׁ, ווִי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, אִידְן זָאלְן זִיךְ בּוּקְן צוּ אַ שְׁטֵיין? צוּ בֵּיימֶער? עֶס הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל צוּ טוּן אַזוֹינְס, וָואס חַזֶר'ט מֶען דֶעם פָּסוּק יֶעדְן טָאג בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע?! זָאגְט מוֹהֲרַא"שׁ, דָאס מֵיינְט מֶען וֶוער עֶס חַנְפְּ'עֶט אַ צְוֵוייטְן, עֶר מַאכְט אַ מְצִיאוּת פוּן אַ צְוֵוייטְן, עֶר בֵּייגְט זִיךְ פַאר אַן עוֹשֶׁר - דָאס אִיז עֲבוֹדָה זָרָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֶערְנְט אוֹיף דֶעם, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס אוֹיבּ מֶען חַנְפְּ'עֶט אוּן מֶען בִּיקְט זִיךְ צוּ אַ בָּשָׂר וָדָם, מֶען דַארְף זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר צוּ אִים גֵיין, נָאר אִים בֶּעטְן.

דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי טוֹיזְנְטֶער זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ

לֶערְנֶען בַּיי מוֹהֲרַא״שׁ, נִישְׁט חַנְפְ׳נֶען קֵיינֶעם, נִישְׁט מַאכְן קַיין מְצִיאוּת פוּן גֶעלְט אוּן פוּן דִי וָואס הָאבְּן גֶעלְט. בַּיי מוֹהֲרַא״שׁ אִיז מַמָּשׁ גֶעוֶוען דִי זַאךְ וָואס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, דֶער רֶבִּי זָאגְט, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, מֶען וֶועט וֶועלְן אֵיינֶעם טְשֶׁעפֶּען וֶועט מֶען אִים טְשֶׁעפֶּען אַז עֶר הָאט גֶעלְט, דָאס וֶועט זַיין דִי גְרֶעסְטֶע בִּזָיוֹן, אַז מֶען וֶועט וִויסְן מֶען הָאט גֶעלְט, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט גֶעלְט שְׁמֶעקְן וִוי צוֹאָה, אוּן אַזוֹי אִין אַ גֶעוִויסֶע בְּחִינָה הָאבְּן מִיר גֶעשְׁפִּירְט בַּיי מוֹהֲרַא״שׁ, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דִי זַאךְ פוּן גֶעלְט, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט פוּן דֶעם קַיין עֵסֶק.

בְּרוּדֶער, אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, דוּ וֶועסְט גֵיין בִּתְמִימוּת אִין אַ ווִינְקֶל אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵוייְנֶען - וֶועסְטוּ זֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע נֵס, דוּ וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, נָאר שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ.

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף, הַיינְט נַאכְט - וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ סְעוּדַת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִין לֶעיקְוָואד, אִין אוּנְזֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. אִיךְ דַארְף אַמָאל אַהִין גֵיין זֵיי מְחַזֵּק זַיין, מֶען דַארְף אַסַאךְ אַסַאךְ חִיזוּק צוּ בְּלַייבְּן פְרִישׁ בַּיים רֶבִּי׳ן, מִיט אַ פְרִישֶׁע גֶעפִיל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פְּלוּצְלוּנְג קוּמְט אַ נִסָּיוֹן, מֶען וֶוערְט אוּמְזִיכֶער מִיטְן זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבְבִי״ם, כ״ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן רֶבִּי׳ן: ״וֶוען מֶען קוּמְט שׁוֹין אַלֶעס אִיבֶּער - שְׁטֶעלְט מֶען מִיךְ פַאר אַ נִסָּיוֹן״, דָאס הֵייסְט נָאכְדֶעם וָואס מֶען אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַלֶע סָארְט נִסְיוֹנוֹת אוּן מֶען הָאט זִיךְ שֵׁיין גֶעהַאלְטְן, פְּלוּצְלוּנְג

קוּמְט אַ נִסָּיוֹן, מֶען הוֹיבְּט אָן הָאבְּן בִּלְבּוּלִים, חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, מֶען וֶוערְט אוּמְזִיכֶער מִיטְן זַיין בַּיים רֶבִּי״ן, אַלֶע גֵייעֶן דָאס אַרִיבֶּער, מֶען דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם צוּ בְּלַייבְּן שְׁטַארְק, בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר צוּם צַדִּיק.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי״ן, עֶס זָאל דִיר נִישְׁט גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין, זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן מְבוּלְבָּל פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "אִיךְ הָאבּ דִיךְ שׁוֹין אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין מַיין זַאק", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, בִּינְדְט מִיךְ צוּ אִינֶעם זַאק אִיךְ זָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין"; דָא זֶעט מֶען, אַז אֲפִילוּ רֶבִּי נָתָן וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי נָאנְט צוּם רֶבִּי״ן אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער 'אִיךְ הָאבּ דִיךְ שׁוֹין אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין זַאק', דָאךְ בֶּעט עֶר דֶעם רֶבִּי״ן: "רֶבִּי בִּינְדְט צוּ דֶער זַאק אִיךְ זָאל נִישְׁט אַוֶועקְלוֹיפְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ פָּאר אַוֶועק שַׁאפְן גֶעלְט פַאר דִי מְלַמְּדִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבְבִי״ם, א' דר״ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעפָארְן גֶעבְּן דִי לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אִין לֶעיקְוָואד, מִיר הָאבְּן גֶעגֶעסְן אַ סְעוּדָה לְכָבוֹד רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן גוּטֶע דִיבּוּרִים, מֶען הָאט גֶערֶעדְט פוּן רֶבִּי״ן, אוּן אַז מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי״ן - טוּעֶן אַלֶע תְּשׁוּבָה; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶע'פּוּעֶל'ט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען וֶועט רֶעדְן פוּן מִיר וֶועט מֶען הָאבְּן אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, מֶען וֶועט וֶוערְן כְּקָטָן שֶׁנּוֹלַד".

מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט דִי תּוֹרָה פוּן "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם", (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן י'), דֶער רֶבִּי זָאגְט: "כְּשֶׁיֵּשׁ, חַס וְשָׁלוֹם, דִּינִים עַל יִשְׂרָאֵל, עַל יְדֵי רִקּוּדִים וְהַמְחָאַת כַּף אֶל כַּף נַעֲשֶׂה הַמְתָּקַת הַדִּינִין", וָואס

טוּט מֶען וֶוען עֶס אִיז דָא דִינִים? דוּרְךְ טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן גֵייעֶן אַוֶּועק דִי דִינִים, אַז מֶען אִיז פְּרֵיילִיךְ גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַלֶע צָרוֹת; דִי שָׁלוֹם בַּיִת וֶוערְט גוּט, דִי פַּרְנָסָה וֶוערְט בְּרֵייט, אוּן בְּעִיקָר - מֶען קֶען גְרִינְגֶער בַּאזִיגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע וֶוען מֶען אִיז פְּרֵיילִיךְ, וֶוען מֶען פַּאטְשְׁט אוּן מֶען טַאנְצְט.

דִי וָואךְ שַׁבָּת וֶועל אִיךְ נִישְׁט זַיין אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אִיךְ פָּאר אַוֶּועק שַׁאפְן גֶעלְט פַאר דִי מְלַמְדִים, אִיךְ הָאף דוּ בִּיסְט מַכִּיר טוֹבָה אַז אִיךְ הֶעלְף דִיר, אִיךְ פָּאר אַוֶּועק פוּן שְׁטוּב אַנְשְׁטָאט דִיר; עֶס וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט זַיין אַז דוּ זָאלְסְט זַיין דֶער וָואס אִיז פַארְנוּמֶען זוּכְן אַ וֶועג פַאר דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן הָאבְן אַ מְלַמֵד מִיט אַ לֶערֶערִין וְכוּ׳, לְמַעֲשֶׂה פָּארֶע אִיךְ זִיךְ פַאר דִיר; מִיט אַלֶע כֹּחוֹת שַׁאף אִיךְ גֶעלְט פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, זָאלְן הָאבְן מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס.

זַיי פְּרֵיילִיךְ, זַיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אוֹיף דֶעם, בִּפְרַט אִין שַׁבָּת קוֹדֶשׁ; שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין נָאר פְּרֵיילִיךְ, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, בִּפְרַט אִין שְׁטוּב זָאל זַיין נָאר שָׁלוֹם.

אַ פְּרֵיילִיכְן שַׁבָּת, אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...



בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718-387-2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com